# דעם רבינ'ס ליכט



אַייִערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

שופטים תשפ"ד
גליון 206

## דער רייִנער קוואל

# נָאר מִיט תְּמִימוּת

דִי וָואךְ אִין דֶער פַּרְשָׁה אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט וִוי פָאלְגְנְד, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ." זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַשִׁ"י אוֹיף דֶער פָּסוּק, "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת," זָאלְסְט גֵיין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, "וּתְצַפֶּה לוֹ", אוּן דוּ זָאלְסְט וַוארְטְן אוּן הָאפְן אוֹיף אִים, "וְלֹא תַּחְקֹר אַחֲרֵי הָעֲתִידוֹת", זָאלְסְט נִישְׁט פָארְשְׁן נָאךְ עֲתִידוֹת וָואס גֵייט קוּמֶען, "אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבֹא עָלֶיךָ", וָואס עֶס זָאל נָאר קוּמֶען אוֹיף דִיר, "קַבֵּל בִּתְמִימוּת" זָאלְסְטוּ עֶס אָנְנֶעמֶען בִּתְמִימוּת, "וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ", וֶועסְטוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין חֵלֶק.

דָאס וָוארְט 'תְּמִימוּת' אִיז טַייטְשׁ 'גַאנְץ'. 'שֶׂה תָּמִים' מֵיינְט אַ גַאנְצֶע שֶׁעפֶּעלֶע. נָאר מִיט תְּמִימוּת קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֵמוּת. מִיט חָכְמוֹת קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֵימוּת, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא אַ פָּסוּק: "אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן קְלוּג, "וּרְחוֹקָה מִמֶּנִּי", וִוי מֶער מֶען אִיז קְלוּג אַלְץ וַוייטֶער אִיז דִי חָכְמָה פוּן מִיר. דֶערִיבֶּער זָאגְט ר' נָתָן, "אֵין שְׁלֵימוּת כִּי אִם מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱמוּנָה בִּתְמִימוּת." וֶוער אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת? דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ גַאנְצֶער אִיד, אַ שָׁלֵם בִּשְׁלֵמוּת.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זַיין תָּמִים - זָאלְסְט זַיין גַאנְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט שְׁלֵימוּת! 'תְּמִימוּת' מֵיינְט 'שְׁלֵמוּת'.

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּמִימוּת. אִין תּוֹרָה ה' אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק - דִי תּוֹרָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַ יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת אוּן וִוי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה צְוִוישְׁן עֶרְשְׁטְן אוּן צְוֵוייטְן טָאג. נָאךְ מִנְחָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת אִיז דֶער מִנְהָג צוּ גֵיין זָאגְן תַּשְׁלִיךְ בַּיים טַייךְ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין אַלֶע סְפָרִים, סְ'אִיז דָא אַסַאךְ עִנְיָנִים אִין דֶעם אַז מֶען דַארְף גֵיין תַּשְׁלִיךְ דַּוְקָא בַּיים טַייךְ.



איך בין נישט קיין עובד השם,
איך בין אן עבד השם!

האברך היקר בנש"ק הר"ר חיים יצחק לעבקאוויטש ז"ל

ליינט אויף זייט 4

המשך פון זייט 1

אוֹיפְן וֶועג צוּ תַּשְׁלִיךְ הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג דֶעם רֶבִּי'נְס קַאפְּטְן מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַּארְן רֶבִּי'ן אַ נַייעֶם קַאפְּטְן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן תּוֹרָה הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דִי זַאךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן תְּמִימוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם נִישְׁט נָאר בַּיים טוּן מִצְוֹת נָאר אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס סְ'אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם, לְמָשָׁל תַּשְׁלִיךְ אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִלִּין אָדֶער הִיטְן שַׁבָּת, סְ'אִיז אַ מִנְהָג, אַן עִנְיָן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין בְּלָאטֶע צוּ מַאכְן רָצוֹן הַשֵּׁם - יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם הֵייסְט אַ מִצְוָה, דַארְף מֶען זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין בְּלָאטֶעס צוּ טוּן פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה אַזוֹי, "צָרִיךְ כָּל אֶחָד דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחֲכָמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת. צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה מַעֲשָׂיו יוֹתֵר מֵחָכְמָתוֹ." דִי פַּאקְטִישֶׁע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט דַארְף זַיין מֶער וִוי דָאס קְלוּגְשַׁאפְט – וִויסְנְשַׁאפְט. כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ עִיקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה, דֶער עִיקָּר אִיז עֲשִׂיָּה, טוּן לְמַעֲשֶׂה. ס'נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן.

ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין, אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן, וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פָּסוּק מִיט דִי רַשִׁ"י אוּן עֶס צוּגֶעקְלֶעפְּט אוֹיף זַיין פֶענְסְטֶער, כְּדֵי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם פָּסוּק, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלוֹקֶךָ." עֶר הָאט צוּגֶעקְלֶעפְּט דֶעם צֶעטְל צוּזַאמֶען מִיט דִי רַשִׁ"י, צוּ גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין, נָאר לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט'ן גְרוֹיסְן קִבּוּץ אוּן מַאכְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּנְזֶערֶע אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן טַאקֶע אִין אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְזִיכֶערְט אִין אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט:" וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים אֲשֶׁר אָהַבְתִּי".
דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן אֱלוּל. לָאמִיר בֶּעטְן בַּיים לִיבְּן פָאטֶער אִין הִימְל אַז דֶער קִבּוּץ אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל זַיין כְּתִקּוּנוֹ אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד. אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

# טייערע קינדער

## פאר יעדע גוטע קבלה וואס דו נעמסט זיך אונטער צו טון

## לע"נ ר' חיים יצחק ז"ל בן ר' דוד דוב הי"ו

## גייסטו אריין אין א שיינע גורל, פאר יעדע איינציגע קבלה גייסטו אריין נאכאמאל אין גורל, לאז איבער דיין נאמען, טעלעפאן נומער, און די קבלה אויף קנעפל #7

## עס וועט זיין בעזר השם 4 גורלות.

# געראטעוועט פון זיבעטן טויט

בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי עֶנְגְלֶענְדֶער אַיינְגֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק פוּן מִיטְל מִזְרָח, אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶענְדִיג דִי מֶעכְטִיגֶע טֶערְקִישֶׁע אִימְפֶּערִיֶע. בַּיי דִי בְּלוּטִיגֶע שְׁלַאכְטְן, וֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי טֶערְקְן, זֶענֶען לַיידֶער פִּיל אִידְן גֶעוָוארְן מָאבִּילִיזִירְט צוּ דִינֶען אִין מִילִיטֶער אוֹיף דֶער טֶערְקִישֶׁער זַייט. צְוִוישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּב'ער בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, ר' גְדַלְיָה בֶּערְגֶער ז"ל. אַזַא חָשׁוּבֶ'ער אִיד וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעפַּאסְט צוּ זִיצְן בֵּין כּוֹתְלֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ ווִי זִיךְ דְרַייעֶן מִיט אַ שִׂיסֶער אִין הַאנְט. אָבֶער וָואס הָאבְּן דִי טֶערְקְן גֶעוואוּסְט פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם צוּ זָאגְן, בַּיי זֵיי זֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייךְ אוּן וֶוען ס'אִיז דָא אַ מִלְחָמָה דַארְפְן זִיךְ אַלֶע מִשְׁתַּתֵּף זַיין.

הרה"ח ר' גְדַלְיָה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן כ' אֲדָר, תרכ"ה אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, דָבוּק צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אִין יֶענֶע צַייט הָאט רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן חַזָן זַצַ"ל פָּארְאוֹיס גֶעזֶען דִי צָרוֹת וָואס וֶועלְן בַּאטְרֶעפְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין חוּץ לָאָרֶץ אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אֵיינֶער פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן גֶעפָאלְגְט אִיז גֶעוֶוען ר' גְדַלְיָה. אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' אַבְרָהָם הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועג אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם הֵיילִיגְן לַאנְד, הָאט ר' גְדַלְיָה זִיךְ גְלַייךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. עֶר הָאט נִישְׁט פַארְפַּאסְט קַיין אֵיין טָאג בַּיים כֹּתֶל-הַמַּעֲרָבִי וואוּ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער. טְרָאץ דֶעם וָואס ר' גְדַלְיָה אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, הָאט עֶר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ גֶעמַאכְט דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועג קַיין אוּמַאן אַפָּאר מָאל אַ יָאר.

ר' גְדַלְיָה הָאט פַארְצֵיילְט צְוִוישְׁן זַיינֶע זִכְרוֹנוֹת: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט דִינֶען אִינֶעם טֶערְקִישְׁן מִילִיטֶער, הָאבּ אִיךְ בַּייגֶעוואוֹינְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע נֵס. מַיין מִילִיטֶערִישֶׁע מַחֲנֶה אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין בְּאֵר-שֶׁבַע גֶעגְנְט פַאר אַ וִויכְטִיגֶע מִיסְיֶע צוּ הִיטְן דֶער גַאנְצֶער אַרוּם. אֵיין טָאג הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ חֵשֶׁק זִיךְ צוּ טוֹבְל'ען אִין מִקְוֶה נָאכְן זַיין גַאנְצֶע חֳדָשִׁים אָן אַ מִקְוֶה. אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן דִי מַחֲנֶה צוּ גֵיין זוּכְן אַ בּוֹר אִין גֶעגְנְט. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעשְׁפִּירְט יֶעדֶע פְּלַאץ אוּן ווִינְקְל אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ קְוַואל וַואסֶער. נִישְׁט בַּאמֶערְקְנְדִיג הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְוַויטֶערְן אַלְץ מֶער אוּן מֶער. אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ קְרִיטִישֶׁע מִינוּטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפֶעלְט פוּן מַחֲנֶה. כְּ'הָאבּ גַאנְץ גוּט גֶעוואוּסְט אַז יֶעדֶע רֶגַע וֶועט מֶען אִיבֶּערְצֵיילְן דִי סָאלְדַאטְן אוּן מֶען וֶועט גֶעוָואר וֶוערְן אַז אִיךְ פֶעל. אִין יֶענֶע טֶעג הָאט אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֶעבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאגְן קַיין וֶוערד, אִין אַ רֶגַע הָאט מֶען גֶעקֶענְט חַס וְשָׁלוֹם פַּסְקֶ'נֶען צוּם טוֹיט. אָבֶער אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה.



לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ קַיין וַואסֶער נִישְׁט גֶעפוּנֶען. מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דֶער וֶועג צוּרִיק. מַיין קָאפּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַאר'דַאגֶה'ט וָואס מַיין בָּרוּךְ הַבָּא וֶועט זַיין. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָארְגְן וֶועגְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִינְדֶערְהֵיים. מַיינֶע טְרִיט זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע אוּן לַאנְגְזַאמֶע בִּיז אִיךְ הָאבּ דֶערְגְרַייכְט דֶער מִילִיטֶערִישֶׁער לַאגֶער אוּן גֶעטְרָאפְן אַ חוּרְבְּן וָואס דִי עֶנְגְלֶענְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעמַאכְט. קֵיינֶער אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן פַארְן מַאכְן פְּלֵיטָה אָן רְשׁוּת!"

# איך בין אן עבד השם!





עס טריפט דאס הארץ און ווייטאגט אין אלע גלידער ווען מען דארף נעמען דאס פענע צו שרייבן אויף אונזער טייערע חבר ידידנו, ר׳ חיים יצחק לעבקאוויטש ז״ל. מיר האבן אזוי געהאפט און געבעטן אויף זיין גאנצע רפואה אבער דער אויבערשטער האט געהאט פאר אים א בעסערן פלאן און בשעת מען האט געזינגען די ווערטער: ״אני רק ישר לרבינו - איך לויף גלייך צום רבי׳ן״ האט ר׳ חיים יצחק אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה וועלכע איז ווארשיינליך געלאפן צו איר ריכטיגע ארט, ווען מיר חברים בלייבן מיט א חלל אין הארץ. מיט ביטערע בכיות האבן מיר אים באגלייט אויף זיין לאנגן וועג. אבער ר׳ חיים יצחק, זיי וויסן מיר וועלן דיר קיינמאל נישט פארגעסן. דיינע מעשים טובים, דיין פייער פארן רבי׳ן, דיין אמונה אין אויבערשטן, דיינע געבעטן און טענה׳רייען צום באשעפער ביי שמונה עשרה, די פריילעכע ריקודין, דיין בחנט׳ן שמייכל און איבערגעגעבנקייט צו יעדן איינציגן איד וועלן שטענדיג בלייבן ביי אונז איינגעקריצט אין זכרון מיר וועלן פרובירן צו לערנען פון דיר א לימוד אויסצופירן אויף למעשה.

ר׳ חיים יצחק איז געווען אן אייניקל פון רבי׳ן דורך די צדיקת שרה׳קע, די טאכטער פון רבי׳ן. דער רבי האט זיך אויסגעדריקט ״מיינע קינדער האבן א רוח הקודש וואס איז נאנט צו נבואה, און פון שרה׳קע שמועס איך נישט״ (חיי מוהר״ן תקפ״ג). מען האט טאקע אנגעזען אויף ר׳ חיים יצחק אז ער איז עפעס מער דערהויבן אבער ער האט זיך בכלל נישט גרויס געהאלטן דערמיט. ווען איינער פלעגט אים זאגן: ״אוהא, דו ביסט אן אייניקל פון רבי׳ן...״ האט ער

געענטפערט: "דו ביסט א קינד פונעם רבי'ן..."
ר' חיים יצחק האט טאקע זוכה געווען עטליכע מאל צו פארן צום רבי'ן. קודם אין די גוטע יארן ווען ער איז נתקרב געווארן צום נחל נובע. און שפעטער ווען ער איז ליידער נישט געזונט געווען איז ער געפארן מיט מסירת נפש ממש. עס האט אים געקאסט אן א שיעור כוחות אבער ער האט זיך מתגבר געווען מיט איבערמענטשליכע כוחות.

נאכן אנטדעקן ביי אים די מחלה ל"ע איז ער געפארן מיט זיין ברודער צום רבי'ן, נישט קענענדיג שטעלן א פוס אויף דער ערד. קיין שום קאמפאני האט אים נישט געוואלט צאלן קיין אינשורענס און אנדעם האט ער נישט געקענט זיך ארויסלאזן אין וועג. איינער פון די ברודער האט אים געזאגט: "מען קען נישט טרעפן קיים אינשורענס, לאז דיך אפ פונעם גאנצן פלאן."

"טאמער וועסטו זיך בייגן צום רבי'ן וועסטו באקומען פון רבי'ן וואס ער קען דיר געבן, אויב דו וועסט זיך נישט בייגן פארלירסטו די געשמאק און די אמונה וואס דו קענסט באקומען," האט אים ר' חיים יצחק געענטפערט. מיט גרויס סייעתא דשמיא האבן זיי געטראפן אן אינשורענס וואס נעמט זיך אונטער צו דעקן און זיך ארויסגעלאזט אויף דעם לאנגן וועג, נאך פיל טלטול הדרך און אומגעהויערע מסירת נפש זענען זיי מיט גרויס רחמי שמים אנגעקומען קיין אומאן.

דער ברודער האט טאקע מודה געווען שפעטער די מתנות וואס ער האט באקומען אין אומאן זייענדיג צום ערשטן מאל אין זיין לעבן דארט, און צוזענדיג די דבקות וויאזוי ר' חיים יצחק זיצט ביים רופא הגדול און ער פארגעסט פון אלע זיינע ביטערע יסורים, עס איז אים גוט צו זיצן אין אט דעם הייליגן ארט, ביים רבי'ן, ביים זיידן, עס פעלט אים גארנישט, דאס האט עס גע'פועל'ט אויף ביים ברודער זיך צו זעצן ביים ציון, ווען זיין הארץ האט זיך צועפנט און טועם געווען פון הייליגן רבי'ן סחורה, כי טוב סחרה.

ווען ר' חיים יצחק איז געקומען אין כולל גלייך נאך די ערשטע טריטמנעטס ווען זיינע פיאות זענען אים ארויסגעפאלן, איז ער געקומען מיט א גרויסע לחיים פון ברוינפן מיט מזונות, 'איך האב חאלאקע!' האט ער געזאגט מיט פרייד. אנשטאט צו קלאגן אז די פיאות און די האר איז אים ארויסגעפאלן, האט ער געברענגט לחיים און געמאכט דערפון א פרייליכע געשעניש.

דאן האט ער געזאגט פאר זיינע חברים, "איך דאנק און לויב דעם באשעפער אז נאר מיין פיאות איז מיר ארויסגעפאלן, און נישט אז מיין אמונה איז ארויסגעפאלן!. וואלט איך חס ושלום געווען א גוי, וואלט מיר נישט ארויסגעפאלן נאר די האָר, נאר די גאנצע אמונה וואלט מיר ארויסגעפאלן. אבער ברוך ה' אז איך בין א איד, און עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די אמונה, עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די התחזקות אין אויבערשטן, עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די שמחה".

ר' חיים יצחק האט געאטעמט און געלעבט מיט אמונה, אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט און געזאגט: "ביי די וועלט איז אמונה א קליינע זאך, ביי מיר איז אמונה א גרויס זאך", ער פלעגט אסאך חזר'ן די ווערטער פון 'הטוב כי לא כלו רחמיך, והמרחם כי לא תמו חסדיך', ער פלעגט זאגן: "'ה'טוב דער גרויסער גוטער, 'הַ'מרחם, דער גרויסער מרחם מיטן ה"א הידועה, דער גרעסטער מרחם אין די וועלט. און דער גוטער רבש"ע איז לא תמו חסדיך, עס גיסט חסד פון אים, ער מאכט בלויז חסדים מיט אונז, אלעס וואס ער מאכט איז חסד. און דער אייבערשטער איז זיך אייביג מרחם אויף דיר, דער אייבערשטער וויל דיר!". יעדן צווייטן ווארט איז געווען 'דער אויבערשטער, דער באשעפער, דער

גוטער טאטע אין הימל׳.

ר׳ חיים יצחק האט גענומען דעם רבי׳נס עצות מיט א תמימות, אז דער רבי רעדט פון חצות דארף מען אים פאלגן. נאך אין די גוטע יארן פלעגט ר׳ חיים יצחק אויפשטיין חצות הלילה און זיך אריינאגן אין כולל חצות, דארט פלעגט ער לערנען מיט התלהבות און דערנאך אראפלייגן א פייערדיגע דאווענען מיט אונזערע לייט.

אין טאג איז ער פארשלאפן. פאר אזא אינגערמאן וועלכער דאווענט תפילה בכח איז דאס פארשלאפן געווען א גרויסער וויטאג אבער ער איז נישט געווארן געפאלן ביי זיך, ווי דער רבי לערנט אונז. ער איז אנגעקומען אין די שטיבלעך און געטראפן א חבר. ער האט זיך נישט פארהוילן נאר זיך אנגערופן: ״איך הייב יעצט אן 8:00 מיין כולל חצות און מיין דאווענען גייט זייט פונקט ווי ווען איך שטיי יעצט ביי מיין מנין קבוע ביים נץ!״ מען קען זאגן אז דאס איז א גרעסערע גבורה ווי זיין דאווענען מיטן נץ...

ר׳ חיים יצחק האט זיך אין די געזונטע יארן אנגעגרייט פעק און זעק מיט התחדשות וואס איז אים צוניץ געקומען אין זיינע שווערע טעג. זיין הארציגע התבודדות, זיין פלאקערדיגע דאווענען, זיין שמחת החיים וואס האט צעשפרייט א ווינט פון שמחה און אהבה ארום אים, איז געווען א שם דבר. מיר האבן געמיינט אז ר׳ חיים יצחק וועט אונז מהנה זיין מיט זיינע שמחת החיים ביז משיח׳ס טאג.

זייער צוביסלעך האבן מיר אנגעהויבן צו באמערקן אז ר׳ חיים יצחק שפירט זיך נישט אומבעסטן. טראץ דעם וואס ער האט זיך געשטארקט און ווייטער אנגעגאנגען מיט זיינע עבודות האבן מיר באמערקט אז ער שפירט זיך עפעס נישט גוט. זיין רוקן האט אים זייער וויי געטון, קוים וואס ער האט געקענט גיין אויף די פיס. יעדעס טריט איז אים אנגעקומען מיט יסורים נוראים אבער פארט איז ער ווייטער געגאנגען זיין וועג.

צוויי יאר צוריק, נאך פסח איז ער ליידער דיאגנאזירט געווארן מיט די ביטערע מחלה אויף גאר א שווערן פארנעם. הערנדיג די ביטערע בשורה איז ר׳ חיים יצחק נישט געווארן געפאלן ביי זיך.

״מען מעג וויינען,״ פלעגט ער זאגן אבער נישט א גאנצן טאג. אין די צייט פון זיין התבודדות האט ער זיך אויסגעגאסן פאר׳ן אויבערשטן זיין שווער הארץ און דורכאויס דעם טאג איז ער געווען פרייליך ביז גאר און ווייטער אנגעגאנגען מיט זיינע עבודות ווי אין די גוטע צייטן.

זיינע צדקה פראיעקטן האט ער ממשיך געווען ווי אמאל. ר׳ חיים יצחק מיט זיין לב טוב האט שטענדיג געזוכט מיט וואס ער קען ארויסהעלפן אנדערע. ווען אידן פלעגן קומען אין שול פון אונזערע לייט, פלעגט מען באקומען שטילערהייט לכבוד די חתונה הונדערט אדער גאר טוינזט שקלים. עס האט אויסגעזען ווי מען רעדט נאר פון אן איינצעלנע פאל, אבער למעשה שטעלט זיך אויס אז צענדליגע פון אונזערע לייט האט ער געהאלפן מיט הכנסת כלה מיט טוינזטער שקלים!!

אויפ׳ן שפיטאל בעט האט ער אנגעקלינגען איינער פון אנ״ש פרעגן אויב ער דארף עפעס אויף שבת. שפעטער האט יענער באמערקט אין זיין באנק-קאנטע ווי ער האט אים אריינגעלייגט אויף שבת געלט אז זיין משפחה זאל האבן אויף שבת. פונעם קראנקן בעט האט ר׳ חיים יצחק ערלעדיגט אז מען זאל פון זיין באנק קאנטע אריבערלייגן צום יענעם אין באנק.

נישט נאר מיט געלט האט ער דערפרייט אידישע קינדער נאר אויך מיט חיזוק און קירבה. נישט לאנג צוריק ביי א חתונה איז געווען איינער פון די קרובים



וועלכער איז געשטאנען באזייטיגט, נישט זייענדיג א חלק פון די קהילה דארט.

"איך בין באזייטיגט, איך שעם זיך אן מיין הָאר, דו ביסט באזייטיגט וועגן דיינע סיבות, לאמיר צוזאמען טאנצן און זיך דערפרייען," האט ר' חיים יצחק געזאגט ווען ער כאפט אים אן ביי די הענט און גייט ארויס אין א פייערדיגע רקודה'לע.

ר' חיים יצחק פלעגט נישט פארפאסן א מקוה. ווען ער איז ליידער נישט געזונט געווארן און געהאט עטליכע צעבראכענע ביינער איז אים דאס גיין אין מקוה אנגעקומען זייער שווער. ער האט באצאלט מיט ביטערע יסורים פאר יעדע טבילה, אבער ער האט זיך ווייטער געשטארקט און נישט געוואלט מוותר זיין.

ר' חיים יצחק האט געוואוינט אויף רח' ריב"ז אין בית שמש און ביז צום מקוה פון בית המדרש נצח ישראל, די פאר טריט האט ער נישט געקענט גיין, אבער ער פלעגט גיין מיט מסירות נפש, און טאקע אין די פריע נאכט שעות פון חצות פלעגט ער זינגען אין מקוה, פארשטייט זיך אז ס'איז געווען דאן ליידיג פון מענטשן, נאר איין חבר וואס האט אים באגלייט, אין די טיפע נאכט שעות האט זיך געהערט א שטימע וואס קומט ארויס פון מקוה א ניגון "ויהיו רחמיך מתגוללים".

ס'איז געווען איינע פון די מאלן וואס ר' חיים יצחק האט ליידער געדארפט ווילן אין שפיטאל צוגעבינדען מיט מאשינערייען און איינעמען ביטערע רפואות. דער זייגער האט געוויזן אז ס'גייט שוין באלד זיין דער נץ און ער איז שוין נישט געווען א וואך צייט אין מקוה. ער האט געשפירט אז ער מו--ז גיין אין מקוה, זאל זיין וואס ס'זאל זיין, ער גייט היינט גיין אין מקוה. ער האט שטארק מתפלל געווען און געבעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל קענען זוכה זיין צו א טבילה היינט.

די קראנקן-שוועסטער האט אים אנטזאגט פון דאס אוממעגליכע זאך.

ר' חיים יצחק איז געווען מחובר צו אלע מיני מאשינערייען און אריינצוגיין מיט דעם אין וואסער איז נישט שייך.

"ס'איז נישט פשוט צו גיין אין אזעלכע אומשטענדן אין מקוה!" האט די קראנקן-שוועסטער איבערגע'חזר'ט.

"פארוואס נישט?!" פרעגט ר' חיים יצחק מיט וואונדער? איך האב שוין גענומען אלע טריטמענטס און רפואות, כ'האב שוין נישט וואס צו טון דא. מען דארף פרעגן דעם דאקטער אפשר קען מען בייטן דעם באשלוס?"

דער פראפעסער קומט צו גיין און זאגט: "דו ווילסט גיין אין מקוה? מען קען נישט, די האסט דאך די נאדלען וואו עס פליסט אריין די רפואות, מען וועט דאס דארפן ארויסנעמען. דער ענין איז גארנישט אזוי פשוט, דאס איז אן עקסטערע באדערניש, שטעכער אריין און ארויס".

"ס'באדערט מיר נישט", זאגט ר' חיים יצחק מיט אנטשלאסנקייט!

"אבער עס איז א סכנה צו גיין אין מקוה מיט אזא אפענע וואונד, די קענסט נאך ווערן חס ושלום אינפעקטירט."

"איך בין גרייט צו נעמען ריזיקע פאר א מקוה," האט ר' חיים יצחק ווייטער געבעטן.

צום סוף האט דער דאקטער געזאגט אז מען דארף נאך מאכן נאך א טריטמענט ס'איז אוממעגליך ארויסצוגיין, "אבער חיים יצחק, ביזט צעבראכן?" פרעגן אים די חברים וועלכע זענען אים געקומען באזוכן.

"ניין פארקערט איך בין געווען אין מקוה," איז געווען



ר׳ חיים יצחק׳ס תשובה. ״איך האב געהאט רצונות, איך האב זייער געוואלט גיין און איך בין טאקע געווען אין מקוה, ווייל דער רבי זאגט דאך אז דער עיקר איז דער רצון און דאס האב איך טאקע געהאט. איך האב געטון אלע השתדלות דערצו, געווען גרייט צו נעמען אלע יסורים און ריזיקעס און אז דער אויבערשטער וויל אנדערש וועל איך זיך בייגן צום רצון השם.״

דאס איז געווען א דוגמה פון ר׳ חיים יצחק. וועלן דערגרייכן צום העכסטן דרגה אבער מיט הכנעה צום אויבערשטן.

״וועק מיך אויף חצות,״ האט ר׳ חיים יצחק זיך געבעטן עטליכע וואכן צוריק צו זיין ברודער פארן זיך לייגן שלאפן אין שפיטאל.

״דו וועסטו נישט קענען אויפשטיין, אפילו איך בין שוין איבערגעמידעט פול אלעס ארום דא אין שפיטאל״ האט דער ברודער געזאגט.

״איך וועל אויפשטיין, וועסט נאך זען,״ האט ר׳ חיים יצחק האט אים געזאגט.

פאר׳ן ברודער איז שווער געווען אויפצושטיין פון גרויס מידעקייט אבער ר׳ חיים יצחק איז אויף געווען ביי חצות הלילה מיטן תיקון חצות...

ביים זיך אריבערציען צו רמה ג׳ האט מען אים געברענגט א גאלף קאר צו קענען אליין צופארן אין בית המדרש אדער אפילו אין פעלד מאכן התבודדות. אין די שווערסטע צייטן האט ער נישט געוואלט (בעסער געזאגט, נישט געקענט) מוותר זיין א ׳פעלד׳. א געטרייער חבר פלעגט אים יעדן נאכט טראגן אין פעלד, אראפזעצן אויף א בענקל ווייל שטיין האט ער ליידער נישט געקענט און אזוי האט ער זיך אויסגעזינגען זיין הארץ צום באשעפער. פאר די ווינטער נעכט האט מען אים געקויפט א ספעציעלע מאנטל פון ווארימע האָר אז ער זאל קענען זיצן אין פעלד א שעה אן קיין ויתורים. פון ווייט האט מען געקענט הערן הארציגע שיינע ניגוני התעוררות וואס האט צענומען דאס הארץ פון די צוהערער.

פון ר׳ חיים יצחק׳ס קדושה קען מען אסאך רעדן. אין שפיטאל האט ער זיך זייער געהיטן די אויגן און פרובירט אז די קראנקע-שוועסטער זאל אים וואס ווייניגער באדינען. ער האט זיך אליין באהאפטן די אינטערווינעס און וואס ער האט זיך אליין געקענט מעסטן איז געווען הכל ריוח אז ער זאל וואס ווייניגער האבן נסיונות.

ר׳ חיים יצחק האט באקומען אן איינלאדענונג פון א ארגאניזאציע וועלכע האט געמאכט גאר א אינטערעסאנטע אויספלוג פאר קראנקע וואו מען שטעלט צו מיט די בעסטע הכשרים און אויסגעהאלטענע פארשטעלונג צו לינדערן די שווערע מיטמאכענישן פון די קראנקע אידן, אבער ר׳ חיים יצחק האט דאס אפגעזאגט ווייל ס׳קען זיין אויף די וועגן וועט ער זיך אנטרעפן מיט שמירת עיניים שוועריקייטן, ליבערשט זיצן אינדערהיים ווי נעמען אויף זיך נייע נסיונות.

א געטרייער חבר פלעגט קומען צו אים אין שטוב און אים אריינשטעכן א לאנגן שטאך פונעם נאדל וואס ער האט געדארפט נעמען נאך יעדן כימא טעראפי, אן איינשפריץ וואס קאסט טויזנטער שקלים. דער חבר האט דאס געטון מיט א שווערע הארץ, א גוטער פריינד קען נישט שטעכן, אבער פאר ר׳ חיים יצחק זענען אלע גרייט אבי ער זאל נישט דארפן אנקומען צום קליניק. ער וויל נישט אז די איינגעשטעלטע זאלן אים צורירן. זיין נאנטער חבר האט זיך געשטארקט און אים אריינגעגעבן דעם איינשפריץ.

נעבן ר׳ חיים יצחק אין שפיטאל איז געליגן נעבעך א חולה ווענמען די דאקטוירים האבן אים געגעבן אפאר וואכן צום לעבן. ליגנדיג אזוי צעבראכן זיך גרייטנדיג אויפן טאג, ער האט שוין נישט וואס צו טון אויף דער וועלט, גיבט אים ר׳ חיים יצחק א פרעג: ״דו גייסט שוין באלד ארויף אויבן צום טאטן אין הימל, און דו קענסט אים אפילו נישט, דו האסט נישט קיין שייכות צו אים.״ אזוי האט ער גערעדט צו יענעם אין הארץ אריין און איבערגערעדט אז ער זאל אנהייבן לייגן תפילין יעדן טאג. ״אזוי אז ווען דו וועסט קומען אויף יענער וועלט זאלסטו האבן עפעס א שייכות צום באשעפער״,

די ווערטער האבן אריינגעטראפט אין זיין הארץ און דער פרייער איד האט אנגעהויבן לייגן תפילין, און טאקע זוכה געווען פאר זיין פטירה צו לייגן תפילין און זיך גרייטן צו טרעפן מיט זיין טאטן אין הימל, בזכות ר׳ חיים יצחק׳ס דיבורים.

״היינט האב איך נישט געלייגט קיין תפילין נישט האבנדיג קיין ריינעם גוף״, אזוי האט ער געזאגט א חודש פאר זיין פטירה פאר זיינע נאנטע וועלכע האבן אים באזוכט, ״היינט איז דער ערשטער טאג זייט מיין בר-מצוה וואס איך האב נישט געקענט לייגן תפילין״.

פאר ר׳ חיים יצחק האט עס זייער וויי געטון, אבער דאן רופט ער זיך אן: ״איך בין נישט קיין עובד השם, איך בין אן עבד השם, וואס דער אויבערשטער וויל דאס איז די בעסטע פאר מיר, איך דין דעם אויבערשטן, אזוי האט דער באשעפער געוואלט, א קנעכט פאלגט זיין האר״.

דער זיידע איז געקומען מבקר זיין ר׳ חיים יצחק, ווען מען האט אים געזאגט אז ר׳ חיים יצחק ליגט יעצט אין בעט און דאווענט שמונה עשרה.

״איך בין גרייט צוווארטן ביז ער וועט ענדיגן שמונה עשרה,״ האט דער זיידע געזאגט.

דער זיידע האט געווארט און געווארט ביז א שעה צייט! דאן האט ער געענדיגט זיין תפילה.

צוויי וואכן פאר זיין פטירה ווען ער האט שוין נישט געקענט רירן קיין אבר, האט מען אריינגעטראפט אין מויל וואסער. ער האט געבעטן פון די חברים זאלן אים אנאכאפן פוןביידע זייטן און ער האט אנגעהויבן זינגען מיט פרייד, מיטן ניגון ״חסדי השם כי לא תמנו...״

לאמיר גוט געדענקען די שמועסן וואס מיר פלעגן הערן פון אים כסדר ״ עס איז דא א מחלה וואס איז אסאך שרעקעדיגער און ערגער ווי די מחלה וואס איך האב, און דאס איז די קרענק וואס הייסט עצבות. עצבות איז נישט סתם ערגער, נאר אסאך ערגער ווי יענע מעשה. עצבות איז א שרעקעדיגע שווערע מחלה. און עס איז בטבע פון א מענטש צו ציען צו עצבות. אבער אויב א מענטש שלעפט זיך צו די שמחה, גייט ער ארויס פון אלע מחלות. דער הייליגער רבי זאגט אז אפילו די חכמי הרופאים זאגן אז שמחה היילט אויס.

ר׳ חיים יצחק האט געבעטן פאר זיין פטירה מען זאל צולייגן יעדן טאג א רקידה׳לע פון א מינוט לטובתו, דאס איז געווען זיין פארלאנג, אידן זאלן טאנצן און זיך פרייען. און דאס איז וואס מיר ברסלב׳ער דארפן אויספירן. זינגען און טאנצן, דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן פאר אלע זיינע חסדים און אלעס גוטס וואס מיר האבן. ר׳ חיים יצחק, מיר וועלן נעמען א דוגמה פון דיר. האסט לויידער שוין גארנישט געהאט קיין גשמיות אויף דער וועלט אבער דו האסט געהאט דעם רבונו של עולם און דאס איז געווען פאר דיר דער גרעסטער תענוג וואס מען קען האבן.

און אצינד, אז דו ביסט שוין אויף א בעסערן ארט, זיי א מליץ יושר פאר אונז אלעמען און בעט אויף די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז זַיין רְאִיָּה זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען, אָבֶּער זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס עֶר הָאט יָארְן גֶעהִיטְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּשְׁטֶעלְן כָאטְשׁ זַיין שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אָפְּגֶערֶעדְט חַבְרוּתוֹת מִיט אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים צוּזַאמֶען, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט פָּארְגֶעלֵיינְט הוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעקֶענְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען מָאלְן וָואס דֶער חַבְרוּתָא הָאט אַ טָעוּת גֶעהַאט מִיט אַ שׁוּרָה אָדֶער גֶעאִיפֶּערְט אַ וָוארְט הָאט אִים ר' לֵוִי יִצְחָק בַּאלְד פַּארְרָאכְטְן זַיין גְרַייז, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעזֶען אַז דִי אַלֶע בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, מִשְׁנָיוֹת, חֻמָּשׁ, זֹהַר אוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ לִיגְן אִים אַזוֹי וִוי אַ אָפֶענֶער סֵפֶר פַאר דִי אוֹיגְן כָאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט זֶען, דָאס אַלֶעס פוּן אַסַאךְ הַתְמָדָה וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהִיט דִי צַייט אוּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן דִי אַלֶע סְפָרִים.



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי צַייט צוּ נֶעמֶען אַ סֵפֶר'ל פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס דוּרְכְגֵיין בַּאֲמִירָה, וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ אִיד, וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזֹּהַר, וָואס מֶען פִירְט זִיךְ אִין דִי טֶעג צוּ זָאגְן.

הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זַ"ל פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען אִין שְׁטוּב צוּפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען וָתִיקִין פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְוֶועקְן דִי קִינְדֶער כָאטְשׁ עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ פְרִי אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ צַייט אֵיידֶער זֵיי דַארְפְן גֵיין אִין תַלְמוּד תּוֹרָה וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט אַיינְגֶעוואוֹינֶען נָאךְ פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן צוּ זַיין אַ 'מִתְגַּבֵּר כַּאֲרִי' אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, עֶס אִיז גֶעוֶוען מָאלְן וָואס דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ שְׁלֶעפֶּערִיג אוּן ווִילְן דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְשְׁלָאפְן נָאךְ אַבִּיסְל הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּרוּעֶן נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג אִין בֵּית הַחַיִּים" דָאס מֵיינְט, נָאךְ דִי פְּטִירָה וֶועט מֶען שׁוֹין אָפְּצָאלְן דָאס שְׁלָאף...

ווי דער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' הָאט דָאס דֶערְהֶערְט – הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן [פַארְשְׁטַאנֶען]: "אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דֶער 'גִבּוֹר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל [וָואס אויבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעבֶּעטְן: "אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי 'מֶלֶךְ'"?! הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מְ'מוּז מֶעלְדֶעוֶוען [מוֹדִיעַ זַיין] פַאר אִים [אוּן אִים פְרֶעגְן רְשׁוּת]"!

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ'הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [מְ'הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט]! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן "אַז עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען"! אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'גִבּוֹר'!

ווי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען [דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' צוּם 'גִבּוֹר'] – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע!

אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען, 'זֵייעֶר־גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת' – [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם־אוֹיף־קוּמֶען [צוּנוֹיפְקוּמֶען] זִיךְ אִינְאֵיינֶעם! אוּן סְ'גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי, 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת' ('פְרֵייד' אוּן 'גֶעוֵויין')! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'זַיינֶע לַייט'! – הָאבְּן זֵיי דֶערוֹיף גֶעוֵויינְט! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת'!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן [צוּזַאמֶען]: "ווִירִימֶער [וְויאַזוֹי] זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגֶעקוּמֶען"?! הָאט דֶער 'גִבּוֹר 'דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה':

אַז [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט – וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ז אוֹת א] אִיז גֶעוֶוען – וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי 'אַלֶע' צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן ווִי [וֶוען] עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, פוּן דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען מְחַדֵּשׁ זַיין [בַּאנֵייעֶן] זַיין 'כֹּחַ' – אוּן [עֶר] הָאט נִישְׁט גֶעפוּנֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'אַלֶע זַיינֶע לַייט', כַּנַ"ל – הָאט עֶר זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעלָאזְט גֵיין, וואוּהִין עֶר וֶועט גֵיין!

אוּן עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיבֶּער זֵיי אַלֶע דְהַיְינוּ: עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'אָרְט' [פְלַאץ] וואוּ דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז, אוּן וואוּ דִי 'אַלֶע לַייט זַיינֶע' זֶענֶען!

דְהַיְינוּ: [וֶוען] עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ [גֶעווִיסֶע] 'אָרְט' – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָארְט אִין דֶעם 'אָרְט', אִיז בְּוַודְאַי דֶער 'מֶלֶךְ' דָא"! – נָאר עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוֹיף אַ [אַנְדֶערֶע] 'אָרְט' – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָארְט אִיז בְּוַודְאַי דִי 'מַלְכָּה'"! – נָאר עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען! אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיבֶּער דִי 'אַלֶע לַייט' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'. "נָאר דִיךְ, בִּין אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען" [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיין פְּלַאץ]!

(הַיְינוּ: דֶער 'גִבּוֹר' וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס, הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'בַּעַל־תְּפִילָּה': "אַז אִיבֶּער אַלֶע 'עֶרְטֶער' [פְּלֶעצֶער פוּן אַלֶע לַייט [פוּנֶעם 'מֶלֶךְ'], אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען]! – נָאר אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען]")!

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' [פַארְן 'גִבּוֹר']: "אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען], אִיבֶּער אַלֶע 'עֶרְטֶער' פוּן זֵיי אַלֶע [פוּן דִי לַייט פוּנֶעם 'מֶלֶךְ']! – אוּן אִיבֶּער דַיין 'אָרְט' אוֹיךְ"! [אַז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער, דוּרְכְן פְּלַאץ פוּנֶעם 'גִבּוֹר']!

וָוארְן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ 'אָרְט' – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן שְׁטֵיין [דָארְט], דִי 'קְרוֹין' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: "אַז דָא אִיז [גֶעפוּנְט זִיךְ] בְּוַודְאַי דֶער 'מֶלֶךְ'"! נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! – בִּין אִיךְ

פִּירְגֶעגַאנְגֶען, פַּאר אַ 'יַם פוּן בְּלוּט'! הָאבּ אִיךְ פַאַרְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: "אַז דֶער [דָאזִיגֶער] 'יַם', אִיז בְּוַודַּאי גֶעוָוארְן פוּן דִי 'טְרֶערְן' פוּן דֶער 'מַלְכָּה', וָואס זִי וֵויינְט אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"! – אוּן [אִיךְ הָאבּ פַאַרְשְׁטַאנֶען דֶערְפוּן, אַז]: "דִי 'מַלְכָּה' אִיז בְּוַודַּאי דָא"! נָאר אִיךְ הָאבּ זִי [אִיר] נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי [ווייטער], בִּין אִיךְ פִּירְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען], פַּאר אַ 'יַם פוּן מִילֶעךְ'!

הָאבּ אִיךְ פַאַרְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: "אַז דֶער [דָאזִיגֶער] 'יַם', אִיז בְּוַודַּאי גֶעוָוארְן פוּן דֶער 'מִילֶעךְ' פוּן דֶער 'בַּת-מַלְכָּה', וָואס אִיר 'קִינְד' אִיז פַארְפַאלְן [פַארְלוֹירְן] גֶעוָוארְן [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – הָאט זִי גֶעשְׁפַּארְט [עֶס הָאט אִיר גֶעדְרוּקְט; גֶעשְׁטֶערְט] דִי [צוּפִיל] 'מִילֶעךְ'! – אוּן דֶערְפוּן אִיז גֶעוָוארְן, דֶער 'יַם פוּן מִילֶעךְ'! – אִיז [דָאךְ] דִי 'בַּת-מַלְכָּה' בְּוַודַּאי דָא"! נָאר אִיךְ הָאבּ זִי [אִיר] נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: [אַז] סְ'זֶענֶען גֶעלֶעגְן דִי 'גִילְדֶענֶע הָאר' פוּן דֶעם 'קִינְד' אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען! אוּן אִיךְ הָאבּ [דֶערְפוּן] גֶעוואוּסְט: "אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דָאס 'קִינְד'"! נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, אִים צוּ זוּכְן אוּן צוּ גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! בִּין אִיךְ פִּירְגֶעגַאנְגֶען, פַּאר אַ 'יַם פוּן ווַיין'!

הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט: "אַז דֶער [דָאזִיגֶער] 'יַם', אִיז בְּוַודַּאי גֶעוָוארְן פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם 'מֵלִיץ', וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּן רֶעדְט 'תַּנְחוּמִין' (דְּהַיְינוּ: טְרֵייסְט [וָוערְטֶער]), פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אוּן דִי 'מַלְכָּה' – אוּן דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם [דְרֵייט עֶר זִיךְ אוּיס] דָאס פָּנִים, אוּן רֶעדְט 'תַּנְחוּמִין' [טְרֵייסְט וֶוערְטֶער] צוּ דֶער 'בַּת-מַלְכָּה'!

אוּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] רֵייד, אִיז גֶעוָוארְן דֶער 'יַם פוּן ווַיין'! נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען! אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: סְ'שְׁטֵייט אַ 'שְׁטֵיין', וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט [אַ בִּילְד]: אַזוֹי-ווִי דִי 'יַד' מִיט דִי 'שִׁירְטוּטִין'! (דְּהַיְינוּ: אַזוֹי-ווִי דִי 'יַד' מִיט אַלֶע 'קְרִיצְן' וְכוּ', וָואס סְ'גֶעוֶוען בַּיים 'מֶלֶךְ', כַּנַ"ל. הָאבּ אִיךְ [דֶערְפוּן] פַאַרְשְׁטַאנֶען: "אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער 'חָכָם' (פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דָאס 'גֶעשְׁטַאלְט' פוּן דֶער 'יַד' אוֹיף דֶעם 'שְׁטֵיין'"!

נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען אִים צוּ גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: "ווִי סְ'אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ 'בַּארְג', דִי 'גִילְדֶענֶע [גָאלְדֶענֶע] טִישְׁלֶעךְ', אוּן דִי 'קְרֶידֶענְצְן' [טֵייעֶרֶע חֲפֵצִים],

אוּן דִי 'אִיבְּרִיגֶע אוֹצְרוֹת' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'"!

הָאבּ אִיךְ פַאַרְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: "אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצָרוֹת' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' (דְּהַיְינוּ: דֶער וָואס אִיז גֶעזֶעצְט [גֶעשְׁטֶעלְט] אִיבֶּער אַלֶע 'אוֹצְרוֹת')"!

נָאר סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען אִים צוּ גֶעפוּנֶען! [דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצָרוֹת' פוּנֶעם מֶלֶךְ'ס לַייט – וֶוערְט דָא דֶערְמַאנְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל – זֶעה בַּאֲרִיכוּת וֶועגְן אִים, אִין קוּמֶענְדִיגְן פֶּרֶק].

(דָאס הָאט אַלְץ דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָּה' דֶערְצֵיילְט [פַאר דֶעם 'גִּבּוֹר'])! עֶנְטְפֶערְט דֶער גִּבּוֹר [פַארְן 'בַּעַל-תְּפִילָּה']:

"אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי [דָאזִיגֶע] 'אַלֶע עֶרְטֶער'! – אוּן אִיךְ הָאבּ יָא גֶענוּמֶען פוּן דִי 'גִילְדֶענֶע [גָאלְדֶענֶע] הָאר' פוּן דֶעם 'קִינְד'! – וָוארְן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען 'זִיבְּן הָאר', וָואס זֵיי הָאבְּן אַלֶע-עֶרְלֵיי 'פַארְבְּן'! – אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר!

אוּן אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן – אוּן [אִיךְ] הָאבּ מִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט וָואס מֶעגְלִיךְ אִיז! מִיט 'גְרָאז', אוּן דֶעסְגְלַייכְן! – בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם זַאךְ, זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זַיין!

הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין, וואוּהִין אִיךְ וֶועל גֵיין! אוּן אַז [וֶוען] אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם [פְּרִיעֶרְדֶערְמַאנְטְן] 'אָרְט' – הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן מַיין 'בּוֹיגְן' דָארְט"!

עֶנְטְפֶערְט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' [פַארְן 'גִבּוֹר']: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דֶעם [דָאזִיגְן] 'בּוֹיגְן'! – הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט: אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי 'דַיין בּוֹיגְן'! נָאר אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען"!

הָאט דֶער גִבּוֹר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז וִוי [וֶוען] אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם [פְּרִיעֶרְדֶערְמַאנְטְן] 'אָרְט' – בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגְנְט דִי 'מַחֲנֶה' הַנַ"ל"! (דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁאָר' [מַחֲנֶה] פוּן דִי 'גִבּוֹרִים' 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

בִּין אִיךְ [אוּן אִיךְ בִּין] צְווִישְׁן זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען – וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ [אוּן אִיךְ הָאבּ] גֶעוָואלְט עֶסְן! אוּן תֵּיכֶף וִוי אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען צְווִישְׁן זֵיי – הָאבְּן זֵיי מִיךְ תֵּיכֶף אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ' [אִיבֶּער זֵיי], כַּנַ"ל אוּן הַיינְט [יֶעצְט], גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט!

אוּן מַיין 'כַּוָונָה' [דֶערְפוּן] אִיז: "טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט' [זַיינֶע] הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם 'גִבּוֹר': "וָואס טוּט מֶען מִיט דִי [דָאזִיגֶע] 'לַייט', דְהַיְינוּ: מִיט דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מְדִינָה'?! – וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִין דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט' – בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף [צוּגֶעקוּמֶען צוּ] 'אַזוֹינֶע ווִילְדֶע [מָאדְנֶע] נַארִישְׁקַייט': אַז דִי וָואס הָאבְּן 'אַסַאךְ גֶעלְט', זֶענֶען בַּיי זֵיי 'גָאטְן'! – אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] דִי 'אִיבְּרִיגֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] נַארִישְׁקַייט' וָואס דִי [דָאזִיגֶע] 'מְדִינָה' הָאט"!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה: "אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ': אַז פוּן אַלֶע 'תַּאֲוֹות', קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, 'דֶעם' וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין זֵיי! – נָאר 'דֶער' וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', קֶען מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפָן!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי [זִיכֶער] גָארְנִישְׁט פוּעֶלְן! – וָוארְן סֶע [ס'אִיז בִּכְלַל] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן!

נָאר [עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם 'מֶלֶךְ', אַז]: "דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וָואס ס'פַארְהַאנְדְן צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ"ל , וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין 'גְבוּרָה' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – נָאר דוּרְךְ 'דֶעם וֶועג', קֶען מֶען יָא אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', 'דֶעם' וָואס עֶר אִיז דֶערִינֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן [אוּן גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶערִין]"! (אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ')!

אִיז [זֶענֶען] דֶער 'גִבּוֹר' מִיט דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה', אַוֶועקְגֶעזֶעצְן [אָפְּגֶעזִיצְן] אַ [שְׁטִיקְל] צַייט אִינְאֵיינֶעם!

אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער 'מְדִינָה' הַנַ"ל וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין צוּ דֶעם 'גִבּוֹר' פוּן [צוּלִיבּ] זֵייעֶרְט וֶועגְן, כַּנַ"ל! – הָאבְּן זֵיי 'מַרְחִיב זְמַן' גֶעוֶוען!

דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' הָאט אַיינְגֶעבֶּעטְן דֶעם 'גִבּוֹר': "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן [צוּגֶעבְּן] אַ 'צַייט' [פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה]! – (דְהַיְינוּ: וָואס בִּיז אִין 'דֶער [דָאזִיגֶער] צַייט', זָאל עֶר זֵיי גָארְנִישְׁט טוּהְן)"! הָאט עֶר זֵיי: "גֶעגֶעבְּן פְרֵיי [פַארְלֶענְגֶערְט] אַ [שְׁטִיקְל] 'צַייט'"!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים' צְווִישְׁן זִיךְ! דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים'! – כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ 'יְדִיעָה' פוּן דֶעם אַנְדֶערְן!

דֶערְנָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אִין זַיין 'וֶועג' אַרַיין!

# תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זֵיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת'ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵמוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוְועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוְועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.





שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (9)

**א. ביי וועמען איז דער גבור נישט אריבער?**
- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם בעל תפלה
- ❑ ער איז אריבער יעדעס'ס פלאץ

**ב. ביי וועמען איז דער בעל תפילה נישט אריבער?**
- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם גבור
- ❑ ער איז אריבער יעדעס'ס פלאץ

**ג. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער קעניג איז ?**
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער קעניג איז
- ❑ דורך די שטול פונעם קעניג
- ❑ דורך די קרוין פונעם קעניג

**ד. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די מלכה איז ?**
- ❑ ער האט געזען די קרוין פון קעניג האט ער פארשטאנען אז די מלכה איז דארטן
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די מלכה

**ה. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די בת מלכה איז ?**
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין ווייב די בת מלכה איז דארטן

**ו. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דאס קינד איז ?**
- ❑ ער האט געזעהן די גאלדענע האר
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין קינד איז אויך דארטן

**ז. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער מליץ איז ?**
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון דעם מליץ
- ❑ ער איז אריבער א ים פון וויין האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די רייד פון דעם מליץ
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער חכם איז ?**
- ❑ ער האט געזען די יד פונעם מלך
- ❑ ער האט געזעהן א שטיין וואס אויף דעם איז אויסגעקריצט די געשטאלט פון דעם יד
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער חכם איז

**ט. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער ממונה על האוצרות איז ?**
- ❑ דורך די גאלדענע טישעלעך - קרידענצן – און די אוצרות פון מלך
- ❑ דורך די גאלדענע האר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וועלכע זאך פון גבור האט דער בעל תפילה געזען?**
- ❑ די שווערד
- ❑ די בויגן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

וויפיל אנשי המלך איז דא? וויפיל ווערט דערמאנט די וואך? ווער פון די אנשי המלך ווערן נישט דערמאנט די וואך ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

און זֵיי הָאבְּן זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע בת שטייט נישט אז זיי האבן געזוכט א לאנד וואס זי זאל קערן דערצו ? **ביי די כתה פון תפילה** – אפשר איז מרמז אז מ'קען דאווענען אויף יעדן ארט.

**געווינער אויף בעל תפלה 8 איז הילד החשוב שלמה אייזנבאך בית שמש טעלעפאן ***2073**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

אַ איד איז אַרײַנגעקומען אין אַ געשעפט וואס מיר טרעפן היינט כמעט נישט אַזאַ סאָרט געשעפט, אפשר אין ירושלים אין שוק-מחנה-יהודה געפינט זיך נאָך אַזאַ געשעפט אָבער אַן ערליכער איד היט זיך די אויגן און קען נישט אַהין גיין.

וועלכע סאָרט געשעפט איז דאָס?

דאָרט אין דעם געשעפט קען מען קויפן נעפט, גאַזעלין, און אַזוי אויך אַלע סאָרטן שמעקעדיגע בשמים און אוילן, סיי מיט שאַרפע גערוכן און אַזוי אויך געשמאַקע ריחות. צווישן אַלע קונדן וואס שטייען שוין אַ לאַנגע צייט צו שמעקן און באַטראַכטן די אַלע סאָרטן אוילן, קומט אַרײַן דאָרט אַן אַראָבער קויפן נעפט, דער בעל הבית גייט שוין צו צו אים און זאָגט אים:

"מוכאַמאַד, דאָ קענסטו זיך אַליין מעסטן וויפיל ליטער נעפט דו ברויכסט, נעם און צאַל און גיי!!" און דער בעל הבית איז שוין ווייטער גרייט צו סערווירן די איבעריגע קונדן.

יעצט קומט די ריי פון דעם איד וואס איז נאָרוואס אַרײַנגעקומען קויפן אַפּרסמון, הא, דאָס איז אַ שמעקעדיגע אויל וואס אין אַמאליגע יאָרן

## וואָרט, וואָרט, וואָרט!!

פלעגט מען נאָכן עסן זיך שמירן די הענט דערמיט און זיך אָנשמעקן מיט געשמאַק.

דער בעל הבית גייט צום צו אידן און זאָגט אים: "וואָרט דאָ אין זייט ביז איך וועל סערווירן אַלע קונדן און דאַן וועלן מיר צוזאַמען אַרום גיין און געשעפט און מיר וועלן צוזאַמען אָפּוועגן און אָפּמעסטן די אַלע אוילן און אַזוי וועלן מיר זיך צוזאַמען אָנשמעקן פון די אַלע געשמאַקע גערוכן.



דער רבי לערנט אונז אין תורה ו' אַז ווען אַ איד וויל אַרײַנקומען קויפן געשמאַקע אויל, דאָס מיינט תורה און מצוות, דאַן זאָגט מען אים: "המתן – וואָרט", פאַר דעם מענטש קוקט עס אויס ווי מען לאָזט אים נישט אַרײַן אין בית המדרש אָבער דער טיפערע באַדייט פון המתן איז אַז דער בעל הבית – דער באַשעפער וויל זיך אָנשמעקן פון אונזערע מצוות און גוטע מעשים, און דאָס געשעט ווען מיר וואַרטן און מיר טוען תשובה, ווייל פאַרן תשובה טון איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש, נאָר דאַן ווען דער איד איז גרייט צו וואַרטן אין דער זייט און האָבן אַביסעלע נסיונות, דאַן וועט ער ווערן אָנגעשמעקט פון די אַנגענעמענע ריחות וואס וואָרט אונז אָפּ נאָכן טון די ריכטיגע תשובה.

קוק אַרײַן אין תורה ו' צו פאַרשטיין דעם משל.

הגליון נתנדב לע"נ הר"ר חיים יצחק ז"ל בן ר' דוד דוב לעבקאָוויטש הי"ו